בית הכנסת און דיני התורה והתלמוד, דאריבער זיינען זיי ביי אונז גלייך צו די קראים אָדער שומרונים אָדער צדוקים, זיי זיינען מוחרמים פון די גאונים פון די פארגאנגענע דורות, און זיי טאָרען נישט זיין קיין פיהרער ביי אידען! **מיר וואר־פען זיי נישט ארויס פון כלל ישראל, „ישראל אף על פי שחטא ישראל הוא", אָבער זיי טאָרען נישט זיין קיין מנהיגים, קיין רבנים, קיין לעהרערס, קיין וואָרט־פיהרער! „מקרב אחיך תשים — אחיך במצות", זאָגען די חז"ל, און דאָס מוזען מיר מקיים זיין.**

**איך האָף, אז די קאָנפערענץ, וועלכע די אגודת ישראל אין אמעריקע האָט גע־רופען „למען חזוק היהדות", וועט ערפילען די אויפגאבען, וואָס זיינען פאר איהר אָנגעצייכענט געוואָרען און זי וועט אויפטהון א סך להרמת קרן התורה והדת. אין דער דאָזיגער דערווארטונג באגריס איך אלע, וואָס זיינען זיך צו־נויפגעקומען!**

**זאָל אונזער כנסי' געפיהרט ווערען אויף דעם וועג פון אמת און שלום!**

**יה' רצון שתשרה שכינה במעשי ידינו!**

# רעזאָלוציעס

## וועלכע זיינען אָנגענומען געוואָרען אויף דער קאָנפערענץ „למען חיזוק היהדות" אין בעלמאר

## רעזאָלוציעס וועגען חיזוק היהדות

די קאָנפערענץ „למען חזוק היהדות" באַשליסט:

1). **ארויסצוגעבען א קול קורא, וואָס רופט דאָס גאַנצע פאָלק ישראל צו תשובה, צו פאר־שטאַרקען דעם לימוד התורה און צו שמירת המצוות והדת.**

2). **אויסצודריקען א האַרציגען דאנק צו דעם נשיא פון אגודת ישראל, הגאון ר' אליעזר זילבער שליט"א, פאר זיין אונערמידליכער און אָנגעשטרענגטער ארבייט פאַר הרמת קרן התורה והדת, וואָס פארשאַפט דעם אידישען פאָלק גרויס כבוד.**

3). **אנטייל צו נעהמען אין א קאָמיטע פון יראים, וואָס זאָל באַשטימט ווערען פאר פאָל־גענדע ענינים:**

א) **צו קומען אין פארבינדונג מיט אונזערע ברידער, וואָס געפינען זיך אין רוסלאַנד, כדי זיי צו העלפען מאַטעריעל און גייסטיג ;**

ב) **צוזאמען־צו־ארבעטען פאר פארשטאַרקען דעם לימוד התורה וחזוק הדת, ווי שמירת שבת, טהרת המשפחה כשרות א.א. וו.**

4). **ארויפצולייגען א פליכט אויף אלע גייסטיגע פיהרער צו מאַכען פראָפּאַגאַנדע פאַר חזוק הדת והיהדות, און צו וועקען אלע אידען צו תשובה און מעשים טובים.**

5). **די קאָנפערענץ פראָטעסטירט אַמשארפסטען געגען די תלמוד תורה'ס, וואָס זייערע ערציהער און לעהרער זיינען נישט קיין שומרי דת, און אפעלירט צו אַלע אנשטאַלטען צו באַ־**